## פיניעלע מזיק
### גיט לשון



נו, יאטן, אב איך ענק באלד גיזוגט, אז פין די קוילן פון דער קילע עט גורניש ווערן. אז זיי, די קילע לאט אבן דערשנאפט אז דער קונסל געט קוילין זענע זיי אכעט אינטערגעשפרינגען. בוכאבע, זיי זענע אכעט דא מיט קוילן!

צגעדענקט, וואס זיי אנע גישריבן אין פאליקס־בלאט? זיי אנע וויראזשנע גיזוגט, אז זיי געבן דרא מאזנט קעריץ קוילן, פאר די גיפרווירדענע ידען. ני, איז שוין באלד פידים, ס'עט מערטשעם זיין פייסיך אכעט. אין די קוילן ענען זיי געבן ווי איך אב שוין פויטן גיזוגט, — אף שיוויעם צי באקן דעם קעיז־קיבן..

כ'זוג ענק יאטן, אז איך אב כרוטע וואס איך אב גימאכט א קוילן נאקציע. די קילע־לאט אז מ' וואזט זיי א פינגער, כאפן זיי אראן די גאנצע לא־פע, טאמער אנע זיי גיזעיע אז דער פריין מויצע לעיכים גיט קוילן, זענע זיי שון פוטער.

כ'זוג ענק, יאטן, צעט זעיען וואס סעט וואטער זאן; מויצע לעיכים עט געיבן קוילן, גימילים כע־סודים עט געיבן פיזשיטשקעס, רומקאסקי עט פא־זארגן יעסוימים. כעיסעד שנעל עמעס עט בענרא־בין טויטע ידן. מאלביש ארימאינערים עט באקליידן קנדער. לינים ניכולים עט פעזארגן די קימפיטורנס, לינים אצעידעק עט מאכן זאשטשיקניקעס — און שוין!

עט עץ פרעגן, וואס עט טין די קילע? זיי על'ן אכעט הובן א זאיענטשע. צווייסין וואעם זיי עבן טיען? זיי על'ן זיצן אף די וויכע פאטער־שטילן אין עבן מאכן פישידזעניעס, אין עבן האקן א טשייניק, דער פרעזוס עט קלינגען מיטן גלאק און מעט שיעם העירן ווי דעם קוטער.

ני, בין איעך גיוועז גירעכט? כאב ענק באלט גזוגט אז די קילע עט געבן קוילן אף שיוויעם. אז איך, פיניעלע, זוג — וויים איך וואס איך זוג.

דערוואל אציץ מיר און זאציץ מיר גיזינט!

## די טרייסט
### פון אנ'אלטעז בחור

פריילין (צו אנ'אלטען בחור): זאגט מיר, פא־ניע מאקשו, איז איך נישט סמוטנע אזא איינזאם לעבען?

אלטער בחור: כ'וועל איך זאגען דעם אמת. צייטענווייז ווערט מיר טאקע שטארק סמוטנע, אין אזא מאמענט גײה איך אוועק צו מיינעם א בעקאנטען א בעווייבטען, זעה איך אז איהם איז נאך מעהר טרויעריג. ווערט מיר פרעהליך אויף דער נשמה.

## פאמעראנצען
### פון גראף קאלי

ניין, איך זינג נישט פון קארטאפעל,
קיינער וויל עס מעהר נישט הערען,
פאמעראנצען, זענען איצטער
אקטועלער און מאדערן...

פאמעראנצען, פאמעראנצען,
לויכטען, פינקלען אייך אנטקעגען
און זיי ווינקען פול מיט ליבע
פון די פוהרלעך, פון די וועגען...

וואס־זשע קויפט איהר נישט, רבותי?
וואס־זשע קוקט איהר מיט גריזאטע?
הערט איהר נישט די הענדלער שרייען
פיער און פינף און זעקס א זלאטע?...

סטייטש, עס איז דאך אזוי ביליג
און מען שרייט אויף אלע ראגען,
איז דען מעגליך, אז א זלאטע
זאלט איהר אויבעט נישט פערמאגען?...

וואס זאגט איהר?.. איהר דארפט גאר קויהלען
אויף די ווענט דער שניי טוט גלאנצען...
געהט שוין געהט, וואס טויג אייך קויהלען
ביליג איז דאך פאמעראנצען...

האָ?.. עס הענגט אויף אייך עקסמיסיע?
שוין געוועזען דער קאמארניק
סיהאט דער ווירט דאס גאנצע מעבעל
צוגענומען פאר א גארנישט.

און די טאכטער בלאס, פערטריקענט
חתונה האבען האט קיין שאנסען,
נישט געזארגט! ס'איז הכל הבל!
ביליג איז דאך פאמעראנצען...

פאמעראנצען, פאמעראנצען,
געוואלד, עס קיצעלט מיר דער גומען...
ס'איז אפילו די פאליטיק
מיט דעם פאמעראנץ פערנומען.

נעהמט, למשל, פאמעראנצען,
צי פון יפו, צי פון חיפה,
ביי די פוילישע ענדעקעס
זענען פשוט ממש טריפה....

נאוואטשינסקי האלט פון שפאניער —
ס'איז קיין וואונדער נישט אוודאי:
עס דערמאהנט דעם יודען־פרעסער
אין דער צייט פון טארקוועמאדא...

## א לעקציע העברעאיש
### פון א. אישסין

וואלגער־האליץ — מחזיר למוטב.
הרי את — לאסור בכבלי ברזל.
אנטיסעמיטיזם — על אלה אני בוכיה.
קריזיס — מלא כל הארץ.
קויהלען־פראגע — צעקת הדל.
קראם — חדר המשכב.
צוקער־קראנקהייט — מיתה מתוקה.
קוש פון א מאדערנער פרוי — מיתה בנשיקה
קלעפ (וואס מ'בעקומט ביים מאהנען א חוב)
— גם זו לטובה.
גריפע — מכת מדינה.
ביטערע לאגע — לא יחסר המזג.
לעהרער — ויתהלך מנוי אל גוי.
יודישער שרייבער — חסר לחם.
מאדערנע ווייבעל — ימי חייך הלילות.

## גריפע און קויהלען

— מיט וואס איז די גריפע גלייך צו קויהלען?
— פון ביידע ווערט מען פערשווארצט.
דער חילוק איז:
— ביי א גריפע ליגט מען אין בעט ווען זי איז דא, און ביי קויהלען ליגט מען אין בעט, ווען זיי זענען נישטא.

סאקראטעס.

## אלט און שוואך
### מודעה אין א היגער צוקערניע

אין לאקאל פון א היגער צוקערניע איז ארגים געהאנגען געווארען אזא מודעה:

„רבותי, בעקלאגט זיך נישט אויף אונזער קאווע ס'וועט קומען א צייט ווען אויך איהר הערען בעזו כער, וועט ווערען אלט און שוואך.

## ביידע זענען גערעכט

אלטע פרוי (צום מאן): ווי געפעלט דיר חיים, געהענדיג אין גאס, האט מיך א פרויען־הענדלער פערטשעפעט.

מאן: האסט א טעות, געווים איז עס געווען אנ'אלטווארג־הענדלער.

פרוי: אויב איך האב א טעות, איז עס געווען א שמאטע־הענדלער, ווייל ער האט זיך שטארק נאכגעפרעגט אויף דיר.

סאקראטעס.

## זיין „מאיאנטעק"

נאטשעלניק פון שטייער־אמט (צו א קליענט א טאנץ־מייסטער): וואס פאר א אומזאץ־קאפיטאל בעזיצט איהר?

טאנץ־מייסטער: מיין גאנצער קאפיטאל זענען די צוויי פיס.

## ס'איז גענוג!

מוטער: לערן זיך מיין קינד העברעאיש, ווייל 2 מיליאן יודען רעדען שוין העברעאיש.

קינד: נו, וועט עס שוין זיין גענוג אהן מיר אויך.

סאקראטעס.

## א פאסיגע וואוינונג
### כ'פעהלט איהר ווערטער

א יונג פארפאלק געהט איבער די גאסען זוכען א פאסיגע וואוינונג. צוקומענדיג פארן פאניאטאווסקי פארק, פרעגט דער מאן:

— מאניעלע, ווי געפעלט דיר די געגענט?

— וואונדערבאר! כ'האב פשוט נישט קיין ווערטער.

— אויב אזוי, וועלען מיר טאקע אין דער געגענט נעהמען א וואוינונג.

# דער קונדס

הומאר •
סאטירע •

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •

בײלאגע צום „נײעם פאלקסבלאט" נומער 40

פרײטאג, דעם 15 פעברואר 1935

## די בעריבטסטע „פאטראווע"



פון די ענדעקעס

